בס"ד

שנה ד'
נומער 148
**פרשת נשא**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



## פרייליכע טענץ מוצאי שבועות אין שטעטל

ניי'עס:
**הערליכע יום טוב שבועות אין שטעטל**

געדאנקען:
**ער ווייסט וואס יענער טראכט**

מיט א טיפערן בליק:
**שבועות אין שטעטל חלק ב'**



## קבועות מזוזה אינעם נייעם לעמאנעיד גראסערי אין שטעטל

שטעטל נייעס
יום טוב שבועות אין שטעטל
3



געדאנקען
ער ווייסט וואס יענער טראכט
6



א מעשה פון א צדיק
חתונה מאכן די קינדער וואס שנעלער
12



מיט א טיפערן בליק
שבועות אין שטעטל (חלק ב')
14



קינדער אפטיילונג
חידות, מעשיות, געימס און נאך
20




בילדער אפטיילונג
יום טוב שבועות און נאך
27





# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייבצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
נשא י"ד סיון תשפ"ג

הדלקת הנרות.........08:09
מוצאי שבת ............09:40

מנחה מעריב בהעלותך ... 09:25


מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**
**צו די חתונה פון זייער זון דוד נ"י למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר
**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו ביילא שיינדל תחי'**
**צו די חתונה פון זייער זון נחמן יואל נ"י למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 02 | 85°/56° | Partly Cloudy | |
| Sat 03 | 73°/48° | Partly Cloudy | |
| Sun 04 | 79°/50° | Partly Cloudy | |
| Mon 05 | 80°/51° | Mostly Sunny | |
| Tue 06 | 73°/47° | Partly Cloudy | |
| Wed 07 | 72°/46° | Partly Cloudy | |
| Thu 08 | 70°/47° | PM Showers | |
| Fri 09 | 71°/48° | Showers | |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אלע"ך ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

# שטעטל נייעס

## דערהויבענע יום טוב שבועות מיטן ראש ישיבה שליט"א



גאר א פרייליכער און דערהויבענער יום טוב שבועות האט מען מיטגעלעבט דאס יאר אין קרית ברסלב ליבערטי אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווי הונדערטער אנשי שלומינו פון איבעראל זענען זיך צוזאם געקומען כאיש אחד בלב אחד, צו זיין אינאיינעם ביים קיבוץ אום יום טוב שבועות, מען האט אינאיינעם געזאגט נעשה ונשמע און מקבל געווען די הייליגע תורה פון דאסניי, זיך אויפגעפרישט און באנייעט צו לערנען די הייליגע תורה, און מקיים זיין די הייליגע מצוות פון די תורה.

### הכנות צום הייליגן יום טוב

די הכנות צום הייליגן יום טוב האט זיך שוין אנגעהויבן עטליכע טעג פריער, מיטוואך נאכט ערב שבועות ביים שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון דעם וואס יעדער איד באקומט א התעוררות אום יום טוב שבועות צו לערנען די הייליגע תורה, מען זינגט דעם ווארימען אהבה רבה ניגון, מען נעמט זיך פאר פרישע קבלות צו מאכן שיעורים קבועים יעדן טאג צו לערנען די הייליגע תורה, דער פראבלעם איז אבער אז פילע טרעפן נישט א וועג וויאזוי אויך זיי קענען לערנען די תורה טאג טעגליך. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אויף דעם האט דער הייליגער רבי אונז געגעבן א גרינגע וועג צו לערנען תורה, א וועג פון וואס קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען, מען קען "זאגן" די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו מען פארשטייט נישט, און לערנען אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט, און מיט דעם ווערט מען באהאפטן צו די תורה. די שיעור קען מען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

די חשובע איינוואוינער אין קרית ברסלב האבן ברייט געעפנט זייערע הערצער און הייזער, אריינצונעמען די פילע הונדערטער משפחות וואס זענען געקומען צו פארן אויף יום טוב פון איבעראל.

### ערשטע נאכט יום טוב

נאך גאנצע ניין און פערציג טעג וואס מיר האבן געציילט ספירה, מען האט געווארט און געבענקט אויפ'ן יום טוב שבועות, עס האט זיך גערוקט א טאג נאך טאג נענטער און נענטער צו קבלת התורה, האט מען ענדליך זוכה געווען צו דעם "תמימות תהיינה", ווען מען שטייט גרייט מקבל צו זיין די הייליגע תורה. במשך דעם גאנצן יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אלע תפילות אינעם גרויסן שול, וואס מען האט ספעציעל מסדר געווען לכבוד יום טוב צו קענען אריינעמען דעם גרויסן עולם. נאך א ווארימע מעריב האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אויפגעשטעלט רעדן אפאר ווערטער איבער די גרויסקייט פון דעם הייליגן נאכט אין וואס מען גייט אריין, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער אר"י הקדוש זאגט אז דער נאכט זאל מען אויסנוצן ווי עס דארף צו זיין, אויפזיין די גאנצע נאכט, און אריינכאפן תורה און תפילה און זאגן דעם תיקון ליל שבועות. עס זענען דא ערליכע אידן וואס פירן זיך נישט צו רעדן די גאנצע נאכט ביז אינדערפרי נאך כתר, אבער צו די ווייב און קינדער - האט דער ראש ישיבה געזאגט - דארף מען רעדן, דער עיקר איז צו רעדן נאר גוטע זאכן, דיבורים פון אמונה, דיבורים פון התחזקות, און דאס גלייכן.

גלייכצייטיג האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון זיין אום יום טוב שבועות ביים קיבוץ פון אנשי שלומינו, וואס דאס איז גאר א גרויסע זאך, און דאס וועט זיכער ברענגען אלעס גוטס פאר יעדן איינעם.

נאכ'ן דאווענען איז דער עולם אהיימגעגאנגען עסן סעודת יום טוב. נאך די סעודה איז דער ציבור זיך צוזאמגעקומען אין בית המדרש, צוערשט האט יעדער געלערנט זיינע שיעורים,

און אומגעפער אום צוויי אזייגער האט דער גאנצער עולם געזאגט דעם תיקון אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. ווי עס איז איינגעפירט אין היכל הקודש זאגט מען דעם ארגינעלן תיקון, וואס דאס איז די ערשטע און לעצטע פסוק פון יעדע פרשה פון די תורה און נ"ך, און דערנאך די תרי"ג מצוות, ווען אינצווישן זינגט מען ווארעמע בענקעדיגע ניגונים, זיך בעטנדיג ביים אייבערשטן "והאר עינינו בתורתך ודבק לבינו במצותיך", און אזוי ווייטער הארציגע ניגונים אויף אידיש, מיט תפלות און רצונות צו ווערן נאנט צום אייבערשטן און צו זיין הייליגע תורה.

גאר אן אייגנארטיגע זאך איז געווען דאסמאל, ווען אינמיטן דעם תיקון האט מען זיך אפאר מאל אפגעשטעלט און ארויפגערופן אינגעלייט וואס האבן געמאכט סיומים, דער אין משניות, דער אין גמרא, דער אין שלחן ערוך און אזוי ווייטער, איין אינגערמאן פון ארץ ישראל האט געמאכט א סיום הש"ס צום צווייטן מאל, און דערנאך גערעדט אפאר ווערטער ארויסברענגענדיג וויאזוי דאס לערנען גמרא איז אים נישט גרינג אנגעקומען, דאך איז ער געגאנגען ווייטער מיט עקשנות, ביז ער האט זוכה געווען צו ענדיגן יעצט דעם צווייטן מאל ש"ס.

נאכ'ן תיקון האט מען געטאנצן מיט גרויס פרייד. בקדרותא דצפרא איז מען געגאנגען אין מקוה, און דערנאך זיך געגאנגען אביסל צוליגן צו קענען דאווענען אינדערפרי מיט א רואיגן קאפ. געוויסע האבן אנגעפרעגט אויב זיי קענען מאכן א מנין שחרית ותיקון, און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט אז עס איז נישט קיין שום פראבלעם, נאר ער דאווענט שפעטער כדי זיינע קינדער זאלן קענען מיטהאלטן דעם דאווענען און די אקדמות אויף וואס מען ווארט שוין א גאנץ יאר.

דעם ערשטן טאג יום טוב צו שחרית האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט פאר'ן עמוד, געזינגען דעם אהבה רבה מיט א געוואלדיגע התעוררות, און דערנאך אויסגעלאזט יעדע שטיקל פון הלל מיט גרויס ווארימקייט. דערנאך איז מען צוגעגאנגען צו קריאת התורה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט די הייליגע אקדמות מיט'ן ניגון, מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש, און אויך געליינט די קריאת התורה מיט די עשרת הדברות מיט גרויס התלהבות.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסער מילכיגער קידוש, דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן די בחורים און אינגעליט וואס האבן געמאכט סיומים אויף משניות און גמרא און אזוי ווייטער. דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבער דעם מדרש פליאה אז ווען משה רבינו האט געהערט פונעם אייבערשטן 'אנכי ד' אלקיך' האט ער גלייך אויסגעשריבן 'שלא עשני גוי', אויף וואס אלע פרעגן וואספארא שייכות האבן די צוויי זאכן? אבער דער אמת איז עס איז זייער פשוט, בשעת משה רבינו האט געהערט פונעם אייבערשטן די תורה האט ער גלייך אויסגעשריבן 'שכח אייבערשטער איך בין נישט קיין גוי'. אזוי ווי מוהרא"ש פלעגט שטענדיג אראפלייגן וויאזוי עס וואלט אויסגעזען ווען מיר וואלטן געבוירן געווארן כינעזער, מען וואלט גערעדט זייער שפראך "טשינג טשאנג טשו", און מיר וואלטן געגעסן ווערים, און גארנישט מער, אבער דער אייבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט און אונז אויסדערוועלט צו זיין זיין פאלק, און אונז געגעבן אזא לעכטיגע תורה דארף מען מיט דעם זיין זייער זייער פריילך. און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א מאריך געווען מיט דברי תורה והתחזקות פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט.

נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעזאגט דעם "שטר תנאים שבין ישראל לאביהם שבשמים", ווי דער מנהג איז, און דערנאך האט ער ארומגערעדט וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט זיין ביי אים אין די דריי צייטן ראש השנה, שבת חנוכה, און שבועות, וועט געראטעוועט ווערן פון דעם שווערן עונש פון עולם התוהו. יעדע פון די צייטן באקומט מען אן אנדערע מתנה פון הייליגן רבי'ן, ראש השנה באקומט מען די לעכטיגע מתנה פון 'אמונה', צו וויסן און גלייבן אז וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט פאר אונז, און אלעס פירט זיך מיט א פונקליכע חשבון פונעם אייבערשטן. שבת חנוכה באקומט מען די מתנה פון 'דאנקען דעם אייבערשטן', א מענטש דארף יעדן טאג דאנקען דעם אייבערשטן אז ער איז געזונט, ער האט אויגן ער קען זען, א אינגערמאן קומט מיר זאגן אז ער האט אנגעהויבן זען שוואך אויף איין אויג רחמנא לצלן, איז ווי קען זיך נאך א מענטש אפרעדן און זיין צובראכן, בשעת דער אייבערשטער געט אים אזעלכע מתנות יעדע רגע און יעדע מינוט?

און יעצט אום שבועות באקומט מען דעם סדר דרך הלימוד, וואס איז א מתנה פון הייליגן רבי'ן, וואס מיט דעם קען יעדער איד האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה, אפילו מ'האט נישט קיין איבריגע צייט צו לערנען, מ'האט נישט די פארשטאנד און געדולד צו קענען לערנען, קען מען אבער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה. דערפאר דארף מען זיך זייער פרייען אז מען איז זוכה צו זיין ביים הייליגן רבי'נס קיבוץ אום יום טוב שבועות.

נאך די דרשה איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צו מעריב.

**צווייטע טאג יום טוב**

אויך דעם צווייטן טאג האבן מיר זוכה געווען צו הערן א שחרית פונעם ראש ישיבה שליט"א, מיט אן התעוררות'דיגן אהבה רבה, און א הערליכע הלל וואס איז צעגאנגען אין אלעביינער.

ביים לײנען האט מען אויסגערופן לתורה החתן נחמן יואל נרו יאיר בן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו, אזוי אויך האט מען אויסגערופן לתורה מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו וואס האט געהאט א אינגל דעם צווייטן טאג יום טוב למזל טוב.

מוסף האט געדאווענט פאר'ן עמוד החזן מו"ה אלימלך גראסמאן הי"ו, וואס האט מיט זיין הערליכע שטימע אראפגעלייגט גאר א ווארימע מוסף, וואס איז אריין אין אלעמענ'ס ביינער.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען די קידוש פארן חתן נחמן יואל נרו יאיר, דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט פון די וויכטיגקייט פון קומען דאווענען שחרית מנחה מעריב אין בית המדרש, אזוי ווי דער הייליגער רבי' אלימלך זכותו יגן עלינו זאגט 'והם לא ידעו דרכי', אז די וואס דאווענען 'אינדערהיים' - 'לא ידעו דרכי', קענען נישט די וועגן פונעם אייבערשטן, דאס הייסט אז מען דארף קומען צום אייבערשטן אין שול דאווענען דריי מאל א טאג.

און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צום חתן און געזאגט: אז די ווייב זאגט "איך וויל נישט זאלסט ארויסגיין דאווענען, איך וויל נישט בלייבן אליין", זאלסטו נישט קוקן אויף דעם, מען דארף האבן 'א געזונטע שלום בית' נישט 'א קראנקע שלום בית', מען טאר נישט זיין אינדערהיים פיר און צוואנציג שעה, מען דארף ארויסגיין דאווענען.

**נעילת החג**

נאך מנחה איז געווען דער נעילת החג, צוזאמען מיט שלש סעודות, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט די שטר כתובה שבין ישראל לאביהם שבשמים, און דערנאך גערעדט דברי חיזוק ווי אזוי מיטצונעמען דעם יום טוב אויפ'ן גאנצן יאר. דער ראש ישיבה האט נאכאמאל גערעדט איבער די גרויסקייט אז מען זוכה געווען צו זיין ביים רבינ'ס קיבוץ אום שבועות, וואס מיט דעם ווערט מען געראטעוועט פון עולם התוהו, און ביי די אלע דריי צייטן וואס דער רבי' האט אונז געזאגט מען זאל קומען צו אים פרישט מען זיך אויף מיט די אלע דריי וויכטיגע נקודות וואס דאס איז 'אמונה' 'דאנקן דעם אייבערשטן' און 'תורה', זיין פרייליך און צופרידן מיט די לעבן וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, און וואס מען וויל באקומען פונעם אייבערשטן קען מען בעטן פונעם אייבערשטן, בפרט דא אין שטעטל איז דאך גן עדן, מען גייט ארויס צווישן די ביימער און מען שמועסט מיטן אייבערשטן אפאר מינוט, עס איז דאך ממש א מחי'. און בפרט דארף מען מיטנעמען די עצה פונעם סדר דרך הלימוד, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט אז ער האט זייער הנאה געהאט צו זען פאר מנחה ווי די גאנצע עולם זיצט און לערנט זייערע שיעורים כסדרן, וואס דאס איז א געוואלדיגע מתנה וואס דער הייליגער רבי' האט אונז געגעבן. יעצט שבועות האט מען חתונה מיט די תורה, דארף מען זען צו האבן שלום בית מיט די תורה, לערנען יעדן טאג די זיסע תורה.

**ויום טוב היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש**

אום מוצאי יום טוב איז מען זיך צוזאמגעקומען אין שול צו טאנצן און זיך פרייען. פאר לאנגע שעות האט מען געטאנצן בתופים ובמחולות, לעבעדיג און לוסטיג מיט לויב און געזאנג צום אייבערשטן. ביים טאנצן האט דער ראש ישיבה אפאר מאל געהויבן דעם עולם און געזאגט אז יעצט איז א חתונה און מען דארף זיך זייער פרייען.

דער געהויבענער יום טוב וועט זיכער בלייבן אין די ביינער פאר א לאנגע צייט, די התחזקות און התעוררות וועט געדענקט ווערן פאר זייער לאנג, און מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן וועלן מיר אלע זוכה זיין צו זיין גרויסע ערליכע אידן.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

## בית התבשיל ווערט פארגרעסערט



כאטש דער בית התבשיל איז שוין ביז יעצט אויך געווען איבערגעפולט מיט ארבעט, מען באצאלט גראסערי ארדערס און מען שיקט שבת פעקלעך פאר בני תורה און נצרכים, מען מאכט כסדר חלוקות פארן ברייטן ציבור, יעדן ערב שבת און יום טוב, בפרט ווען עס קומען צו פארן אסאך געסט ווערט צוגעשטעלט א חלוקה פון פילע גרייטע שבת'דיגע עסן חלות, פיש, פלייש, קוגל, קעיק, במשך די זומער חדשים ווערט צוגעשטעלט פרישע קאלטע וואסער אויף די לאנגע וועגן, פאר פסח א ברייטע קמחא דפסחא, פורים ווערט געגעבן מתנות לאביונים, איז אבער דער געטרייער גבאי מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו בכלל נאכנישט זאט.

נאכן עס דורכרעדן מיטן ראש ישיבה שליט"א איז געווארן באשלאסן צו צולייגן א פרישע שטיינדל אינעם הערליכן קרוין פון בית התבשיל. יעדע נאכט ווערט צוגעשטעלט בהרחבה א פולע געשמאקע פארטיגע נאכטמאל פון זופ, פלייש, סייד דישעס און נאך.

מען קען יעצט קויפן זכותים אין די גרויסע מצוה צו ספאנסערן א פעיפער גוד ארדער, אדער מנדב זיין אפלייענסעס פארן קאך, אדער קען מען קויפן די זכות פון א טאג פאר $180. רופט אריין דעם גבאי אויף 845-637-5367



# ער ווייסט וואס יענער טראכט

משה אורי' שניטצלער

לעצטנס האט מיך איינער געפרעגט צו מוהרא"ש האט געהאט רוח הקודש.

א אינטערעסאנטע פראגע!

וואס איז די ענטפער?

און בכלל, וואס איז רוח הקודש?

און אז מ'רעדט שוין פון רוח הקודש, דארף מען אויך וויסן אז ס'איז דא אזא זאך ווי ליגנערס און בלאפערס.

ס'איז געווען אמאל א ליגנער, א בלאפער, וואס האט זיך געמאכט פאר א מקובל, וואס פליט אין הימל, מ'האט אים געברענגט א בחור, וואס איז געווען א "גרויסער" איד.... (פיר הונדערט פונט גרויס.....) דער געמאכטער מקובל זאגט פאר'ן בחור, איך ווייס וואס דו טראכסט! און איך ווייס וואס דו האסט געטון נעכטן האלב עלף ביינאכט!

וואס?

דו טראכסט א גאנצן טאג נאר פון עסן! און נעכטן האלבער עלעווע ביינאכט האסטו געגעסן דיין פערטע נאכטמאל אין קארגע דריי שעה!

(מוהרא"ש פלעגט דערציילן דעם ביטער'ן וויץ אז מיר זאלן געדענקען אז ס'איז דא פאפערס און ליגנערס וואס זענען דא צו נעמען דיין געלט און מאכן פון דיר דאס גענאר)

גראדע האב איך א זון וואס ווייסט וואס יענער טראכט! יעס! איי עם נאט קידינג!

כ'מיין צו זאגן, נישט ער ווייסט וואס יעדער מענטש טראכט, ער ווייסט וואס זיין טאטע טראכט.

און ס'איז נישט נאר מיין זון, ס'איז דיין זון, און יעדנ'ס זון, ס'איז אלע קינדער פון די גאנצע וועלט.

כ'מיין צו זאגן, נישט ער ווייסט אלעס וואס זיין טאטע טראכט, ער ווייסט וואס זיין טאטע טראכט "אויף אים". ער ווייסט אויב זיין טאטע האלט פון אים אדער נישט. ער ווייסט אויב זיין טאטע האט אים ליב אדער נישט. ער ווייסט אויב זיין טאטע האלט אים פאר א אוצר, אדער פאר א נערוון קריכער.

וואס הייסט א אוצר? האסט א מאל געזען א עי. טי. עם.? שטעל דיך פאר אז דער פרינץ פון דובאיי פילט אן א עי. טי. עם. מיט טויזנטער הונדערטערס, ער מאכט א גורל, און די קומסט ארויס אויף די גורל, ער לייגט אראפ דעם "מיסטיקל עי. טי. עם." ביי דיר אין ליווינג רום, לעבן די קאפי טעיבל (קאווע טישל), וואו דו לייענסט דיינע וויכטיגע צייטונגען און מאגאזינען, געשריבן דורך שרייבער'ס וואס האבן זיך אנגעליינט מיט דו ווילסט נישט וויסן וואס. יעדע זעקס מינוט קענסטו געבן א דרוק אויפן קנעפל און זשומזשום! א הונדערטער פליט ארויס, הייסט דאס אן אוצר?

ס׳איז דא עפעס בעסער פון דעם! ס׳איז דא אן אוצר פון א קינד וואס דו האסט אים געגעבן א ערליכן חינוך, און ער געט זיינע קינדער א ערליכן חינוך, און ווייטער און ווייטער נאך און נאך דורות, און דער זיידע זיצט אין גן עדן און יעדע מאל וואס זיין אייניקל לייגט תפלין, קומען צו אים די תנאים ואמוראים און לויבן אים אויס פאר געבן א ערליכע חינוך פאר זיינע קינדער. גלייב מיר, ס׳איז בעסער א גוט ווארט אין גן עדן פון אביי ורבא, ווי אלע הונדערטערס פון אלע פרינצן פון אלע מדינות וואס האבן ליב א איד ווי דו האסט ליב א גרינע ספיידער קריכן אויף דיין נאז אינמיטן די נאכט.

א קלוגער טאטע טראכט אז זיין זון איז די גרעסטע אוצר וואס מ׳קען זיך נאר פארשטעלן, א אוצר פון נחת.

א קלוגער טאטע קוקט אויף זיין קינד ווי א "עי. טי. עם. פון נחת", באלד וועט זיך גיסן נחת, לאמיך אינוועסטירן אין מיין קינד, לאמיך טראכטן גוט אויף אים. און דיין קינד פילט עס!

און דאס גייט אויך געקניפט מיט שלום בית, ווי חשוב מ׳האלט די ווייב.

געווענליך, די וואס האלטן די ווייב פאר א נערוון קריכער, האלטן דאס קינד פאר א דאפלטע נערוון קריכער, און די וואס האלטן די ווייב פאר א חשוב׳ע זאך, האלטן דאס קינד פאר זייער זייער חשוב.

און דאס גייט צוזאמען מיט אמונה.

ס׳איז אלעס געקניפט און געבינדן. א מענטש וואס לעבט מיט אמונה, ווייסט אז די ווייב וואס ער האט באקומען, איז די בעסטע וואס האט געקענט זיין



פאר אים. א מענטש וואס לעבט מיט אמונה, האט כסדר הכרת הטוב פאר זיין ווייב. ברוך השם איינער קאכט פאר מיר, ברוך השם איינער וואשט מיינע וועש, מיינע שמוציגע זאקן, (אויב, למשל, דו האסט שוין חתונה געהאט פינף און צוואנציג יאר, אזוי ווי איינער וואס איך קען..... קומט עס אויס מאטעמאטיש אז דיין ווייב האט שוין געוואשן פאר דיר גאנץ אסאך שמוציגע שטרימפעלעך! הונדערט טויזנט אין צאל! מעגסט איר שוין זאגן א שכח! דו וועסט נישט ווערן די שמאטע אין שטוב פון זיך באנוצן מיט די גאלדענע מדה פון אנערקענען איינער וואס טוט דיר גוטס)

אז דו וועסט האבן הכרת הטוב פאר דיין ווייב וועלן דיינע קינדער פילן אזוי ווי אין גן עדן, ס׳איז גוט דא, ס׳איז געשמאק דא.



(אז דו וועסט קוקן פארקערט איז עס גרינגער צו פארשטיין: אויב מ'טראכט אלץ אז מ'איז אריינגעפאלן מיט א נישט גוטע ווייב, ווען די קינדער פילן ווי ס'טויג נישט דא, וואו קען איך אנטלויפן?)

אבער די מין זאך פון "לעבן מיט אמונה" איז גארנישט אזוי גרינג. וויפל איך זע מוז מען האבן איינער וואס זאל דערמאנען יעדן טאג: לעב מיט'ן אייבערשטן, רעד צום אייבערשטן! דער אייבערשטער וועט העלפן! דער אייבערשטער קען אלעס!

אז מ'האט נישט איינער וואס דערמאנט עס יעדן טאג, קען מען פארגעסן פון אמונה, א מענטש קען דורכגיין וואכן און חדשים און יארן און נישט שמועסן מיט'ן אייבערשטן.

יעצט לאמיר צוריקגיין צו די זאך פון וויסן וואס יענער טראכט......

קינדער ווייסן וואס דער טאטע טראכט. נישט נאר וואס דער טאטע טראכט אויף אים, נאר אויך וואס דער טאטע טראכט אויף זאכן אין לעבן.

וואס טראכט טאטי אויף געלט? ווי וויכטיג איז געלט? וויכטיגער ווי א דף גמרא? וואס האלט טאטי פון מאמי? קינדער ווייסן אלעס! מ'קען נישט באהאלטן.

קינדער ווייסן פון וואס רעדט טאטי מער? פון געלט? אדער פון דעם אויבערשטן?

מ'מוז רעדן צו קינדער אפן פון באשעפער, אנשטאפן מיט אמונה! דערציילן מעשיות ווי צדיקים האבן גערעדט צום אייבערשטן. און מ'מוז אליין לעבן מיט אמונה, אליין רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג.

אבער וואס איז מיט די רוח הקודש?

ווען מ'רעדט פון רוח הקודש, קען מען עס קוקן אויף דריי וועגן: א. ס'איז דא מענטשן וואס מיינען, אז רוח הקודש מיינט, אז יענער קען מיר זאגן די לאטערי נאמבער פון מארגן, אדער די וועטער פון נעקסטע וואך דאנערשטאג. ס'קען זיין אז א צדיק זאל דאס קענען, ווייל ביי א צדיק איז אלעס מעגליך, אבער נישט דאס איז די עכטע טייטש פון רוח הקודש. ב. מ'קען טייטשן רוח הקודש אז א צדיק ווייסט אלעס וואס טוט זיך מיט א מענטש בחדרי חדרים, בנוגע צו ער טוט עבירות ח"ו צו נישט.

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט דערציילן, אז ס'איז געווען א איד וואס איז אריינגעקומען צום הייליגן צדיק רבי מרדכי'לע נאדבורנער זכותו יגן עלינו און אראפ גערוקט זיין היט אויפ'ן שטערן, אז דער צדיק זאל נישט קוקן אויף זיינע עבירות, האט זיך אנגערופן דער הייליגער רבי מרדכי'לע נאדבורנער זכותו יגן עלינו, "דו מאקן! (מ"ק, איז מח קטן, דו קליינקעפלדיגער מענטש!) דער שאנדיליער זאגט מיר וואס דו טוסט!"

עס פלעגט פאלן א פחד ווען מוהרא"ש האט גערעדט פון די גרויסקייט פון צדיקים וואס ווייסן אלעס און זעען אלעס!

ג. ס'איז דא נאך א וועג צו טייטשן רוח הקודש, "א הייליגע מח", א הייליגע מחשבה, א מח וואס טראכט נאר פון

דעם אייבערשטן. א מח וואס טראכט איך וויל טון נאר דעם רצון השם, אפילו גיין אין פייער לעבעדיגערהייט! די לעצטע צוויי טייטשן פון רוח הקודש, דאס איז לכאורה איינס און די זעלבע. נאר מוהרא"ש פלעגט רעדן פון ביידע ענינים.

יעצט, אויב דו ווילסט מיך דוקא פרעגן וועגן מוהרא"ש און וועגן רוח הקודש, וועל איך דיר דערציילן א מעשה פון הייליגן בעל שם טוב הקדוש זכותו יגן עלינו.

אמאל זענען געזיצן צוזאמען די תלמידים פון הייליגן בעל שם טוב און גערעדט פון די גרויסע מופתים וואס דער בעל שם טוב האט באוויזן, האט דער בעל שם טוב זיך באוויזן צו איינס פון די תלמידים און אים געזאגט אז ס'טוט אים וויי אז מ'רעדט פון זיינע מופתים און נישט פון זיין יראת שמים, ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען צו טון דעם רצון השם יעדע רגע.

ברוך השם דער ראש ישיבה דערמאנט אונז אלעמאל די יראת שמים פון בעל שם טוב, דער ראש ישיבה פארציילט אייביג די ערשטע מעשה פון בעל שם טוב הקדוש, ווען ער איז נאך געווען א קינד.

זיין טאטע מאמע זענען געווען הונדערט יאר ווען ער איז געבוירן, זיין מאמע איז גלייך אוועק, זיין טאטע האט מען פון הימל געלאזט אפאר יאר לעבן, אז זיין זון זאל קענען אביסל אונטער וואקסן.




ווען ער איז געווען פינעף יאר, האט אים זיין טאטע געזאגט, אז ער גייט נפטר ווערן, דו גייסט זיין אליין, אבער דער אייבערשטער איז מיט דיר, א איד איז נישט אליין, אלעס וואס דו דארפסט, בעט דעם אייבערשטן און ער איז נפטר געווארן.

נאכדעם האט דער בעל שם טוב געזען אז ער איז אליין אויף דער וועלט האט ער געמוזט טון וואס זיין טאטע האט אים געזאגט, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן ווען ער האט געדארפט עסן, און ווען ער האט געדארפט וועש, און אלע אנדערע זאכן וואס א פינעף יעריג קינד דארף האבן, און ער האט אנגעהויבן צו זען אז נאר דער אייבערשטער איז מיט אים. און נאר דער אויבערשטער קען אים העלפן און געבן וואס ער דארף.

דאס האט אים געמאכט לעבן מיטן אייבערשטן, ביז ער איז געווארן א גרויסער צדיק, און מיט די מעשה איז דער רבי אויפגעוואקסן.

יעצט וואס איז למעשה? ווער האט יא רוח הקודש? און ווער נישט?

אויב דו ווילסט נישט לערנען תורה יעדן טאג פון לעבן, וועט דיר גארנישט העלפן די רוח הקודש פון דיין רבי!!

מוהרא"ש פלעגט אסאך נאכזאגן די הייליג ווארט פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו. איידער א קינד ווערט געבוירן לערנט ער די גאנצע תורה, א לעכט ברענט אויף זיין קאפ און ער זעט פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט, פאר ער ווערט געבוירן קומט א מלאך און געט אים א פליק אויפ'ן מויל און ער פארגעסט די לערנען.

פרעגט רבינו הקדוש מסאטמאר, און וואס איז מיט די לעכט? און וואס איז מיט זען ביז יענע עק וועלט? פארוואס זאגט נישט די גמרא וואס איז מיט די לעכט?

זאגט דער רבי זכותו יגן עלינו אויב דו האסט נישט קיין תורה מעגסטו שוין זען מסוף העולם ועד סופו, ס'איז גארנישט ווערט! מעגסט האבן אפענע אויגן ביז'ן בויבעריק. ס'איז גארנישט ווערט! און ס'גייט מיך נישט אויב דו האסט נעכטן געלערנט די גאנצע תורה. אויב דו האסט נישט "היינט" געלערנט, איז דיין פליען אין הימל נישט ווערט קיין גרייצער.

לאמיר שנעל כאפן א דף גמרא!!!!!



# מעשיות פון תפילה

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

**א)** יעדע וואך איז דא א אויספארקויף נעבן מיין שטוב פון נויטיגע זאכן פאר ביליג. איך האב באשטעלט אויפן מאשין וואס איך דארף און געווארט אויף די טאג וואס מען קען עס קומען נעמען.

דעם טאג וואס מ'האט פארמאכט די איינשרייבונג האב איך באמערקט אז ס'איז געווארן אריינגעגעבן אז איך גיי דארפן באצאלן די ארדער מיט קעש אויפן פלאץ, איך האב געוואלט באצאלן מיט א קרעדיט קארד (נישט בארגן חס ושלום, נאר ניצן געלט וואס איך האב אין באנק) איך האב פרובירט עס צו טוישן אבער איך האב נישט געקענט, די סיסטעם האט נישט געלאזט טוישן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן יא רעכענען דעם קארטל וואס ליגט אריינגעלייגט, און זיי זאלן נישט הייסן צאלן קעש אויפן פלאץ. באופן פלאי קום אין אן און איך זע אז ס'שטייט 'שולם, נותר לתשלום 0.00 ש"ח' - 'באצאלט, געבליבן צו באצאלן 0.00 שקל'.

**ב)** איך בין ברוך השם א מפיץ, און מיין קאר איז א 'מפיץ קאר', די קאר איז א קאר וואס לעבט אויף ניסים.

איין צופרי זע איך ווי איין רעדל איז ליידיג פון לופט. איך האב עס אנגעפילט מיט לופט. נאכן אנפילן הער איך אז די לופט גייט נאכאמאל ארויס. איך געב א קוק און איך זע אז א שרויף איז דארט אריינגעקומען אן רשות און צולעכערט דאס רעדל.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל ווערן פארראכטן און עס זאל נישט קאסטן קיין געלט. איך האב געקלונגען מיין שוואגער וואס איז א גרויסער מפיץ פאר זיך און דערפאר ווייסט ער אויך וויאזוי ס'ארבעט די ספעציעלע 'מפיץ-ניסים', איך האב אים געפרעגט וואס מ'קען טון.

האט ער געענטפערט זייער הויכע זאכן וואס אזא פשוטע מענטש ווי מיר פארשטייט נישט. למעשה האט ער מיך געזאגט אז אויב כ'וועל אנקומען צו אים קיין טבריה וועט ער מיך עס פאררעכטן.

נו, וויאזוי קום איך אן צו אים מיט מיין צופלאצטע רעדל? און אויך האב איך נישט געוואלט איבערלאזן מיין ווייב פאר אזא לאנגע צייט.

למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן אז א 'ידידים' מעמבער איז געקומען טוישן דעם רעדל מיטן רעדל וואס איך האב געהאט אין קאר וואס איז ספעציעל אוועקגעלייגט פאר דעם. אבער למעשה האב איך נאך אלס געדארפט פאררעכטן און צוריקלייגן דעם געהעריגן רעדל.

דער אייבערשטער האט געהאלפן און מיין ווייב געט מיר א פרעג אויב מ'קען אפשר אראפ פארן צום הייליגן של"ה'ס ציון לכבוד ערב ראש חודש סיון וואס ליגט אין... טבריה'... ברוך השם מיין שוואגער האט מיר פאררעכטן דעם רעדל, און מען האט ווייטער געקענט זיך ארויסלאזן אויף די וועגן צו גיין הפצה און מחי' זיין אידישע קינדער מיט די הערליכע עצות פון הייליגן רבי'ן.

## יוסף שניטצלער - קרית ברסלב:

איך האב זייער שטארק געוואלט זיין ל"ג בעומר אין מירון, למעשה איז עס געווען אוממעגליך פאר מיר צו פארן צוליב אסאך סיבות, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פארן קיין מירון, און אלע זאכן וואס שטייט אין וועג זאל ווערן בטל ומבוטל.

עס איז שוין געווען שבת קודש און ל"ג בעומר איז מאנטאג נאכט, אבער איך בעט נאך דעם אייבערשטן אז איך וויל פארן.

זונטאג האט שוין עפעס אנגעהויבן צו אויסזען אז עס קען יא פאסירן איך זאל קענען פארן. צו עס גלייבט זיך יא אדער נישט בין איך זונטאג נאכט געווען אויפן וועג קיין ארץ ישראל מיט גרויסע נסים ונפלאות.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כו) וַוייל טְרִינְקֶען בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אַ גַאנְצֶע עֶרֶךְ פוּן דִי הַארְבְּקֵייט אוּן עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן אַ שִׁיכּוֹר; ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׁכְרוּת, סִימָן ד): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוער עֶס טְרִינְקְט נִישְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ג): "אִי אֶפְשַׁר לְשִׁכְרוּת שֶׁלֹּא יָבִיא לְאֵיזֶה תַּקָּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס וֶוען מֶען שִׁיכּוֹרְ'ט זִיךְ אָן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען אַ גַאנְץ יָאר קַיין מַשְׁקֶה הַמְּשַׁכֵּר.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז נָאכְ'ן טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ מֶער נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ב) אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה הָאבְּן גֶעוָואלְט אָנְטְרָאגְן זֵייעֶר מַלְכָּה - דִי וַוייבּ פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ - פַאר דֶעם דָאקְטֶער וְכוּ', אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט דָאס צוּ רֶעדְן פַארְ'ן מַלְכָּה וְכוּ', הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז מֶען וֶועט מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן מֶען וֶועט זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען רֶעדְן פוּנֶעם שִׁידוּךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרִינְקֶען הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דֶעם שִׁידוּךְ פַארְ'ן דָאקְטֶער, הָאט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער אָנְגֶערוּפְן: "עֶס וָואלְט אַוַדַאי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר מֶען זָאל דָאס רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַ אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶעם מוֹיל", עַיֵּין שָׁם; אִין דִי מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט מַמָּשׁ וָואס דוּ זָאגְסְט, מֶענְטְשְׁן שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן אָפְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן דֶעמָאלְט רֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, מַמָּשׁ מֶען זֶעט שִׁכּוֹרִים שְׁרֵייעֶן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ!" אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "עֶס וָואלְט אַוַדַאי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר מֶען זָאל דָאס רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַ אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶעם מוֹיל", עֶס אִיז הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים אָבֶער אִיךְ וִויל דָאס הֶערְן מִיט אַ טְרִיקֶענֶעם מוֹיל נִישְׁט אָנְגֶעטְרִינְקֶענֶערְהֵייט.

עֶנְדֶערְשׁ טְרִינְק זִיךְ אָן מִיט אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דִי יַיִן הַמְשׁוּמָּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טוֹעֵם פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט גֶעטְרִינְקֶען אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְנַארְן".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א

## זיך היטן די אויגן

**איינמאל אין די זומער טעג האט דער ראש ישיבה ארומגעשמועסט א עצה וויאזוי מען קען זיך היטן די אויגן און געזאגט:** פאר דו גייסט ארויס פון שטוב לייג ארויף דיין האנט אויפן מזוזה און זאג דעם פסוק: **"הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן"**, און בעט דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל זיך היטן מיינע אויגן, העלף מיר איך זאל נישט ווערן פארברענט פונעם יצר הרע וואס וויל מיר אויסרייסן פון דער וועלט און פון יענער וועלט, ברענג מיר צוריק אהיים בשלום"; אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן.** און לייג צו דיינע אייגענע תפילות, דאס וועט דיר ראטעווען פון שלעכטס.

מען האט אמאל געהערט ווי א ברסלב'ער איד גייט אין גאס זוממער און מורמעלט זיך אונטער: "איך וויל קינדער וואס וועלן ארויס געבן ספרים", "איך וויל קינדער וואס וועלן זיין ערליכע אידן", האט מען אים געפרעגט: "מַה מָּקוֹם לִתְפִלָּה זוּ?" וואס איז פשט פון בעטן דא אויפן גאס פאר קינדער וואס וועלן מחדש זיין חידושי תורה, האט ער געענטפערט: "איך רעד צו מיר אליין; איך האב יעדע סעקונדע א גרויסע תאוה אויפצוהייבן מיינע אויגן און קוקן אויפן גאס וכו', עס איז מיר זייער שווער צו היטן מיינע אויגן, אבער איך דערמאן זיך וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, חלק ב', סימן יט): **"מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה"**, ווער עס קוקט נישט אויף פרעמדע פרויען וועט זוכה זיין אז זיינע קינדער וועלן ארויס געבן ספרים פון חידושי תורה; דערפאר רעד איך צו מיר אליינס, איך חזר צו מיר אז עס לוינט זיך ענדערש אראפ צו קוקן, ווייל אזוי וועל איך האבן קינדער וואס וועלן זיין ערליכע אידן תלמידי חכמים. מאך זיך א שמירה אויף די זאכן, וועסטו מקבל זיין די תורה מיט ריינקייט; אלעס וועט דיר גיין גרינגער.



# א מעשה
## פון א צדיק

## חַתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער

דֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד פוּן דִינוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר "צֶמַח דָוִד", דֶער זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר" זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען צֶען יָאר, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר" הָאט זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען אִין חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער.

זַיין שִׁידוּךְ אִיז צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר" אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס צוּ זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט פִיר פֶערְד, וָואס אִינֶעוֵוייניג אִיז גֶעזֶעצְן אַ גְרוֹיסֶער נָגִיד, אַ וֵויין סוֹחֵר, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' יְשַׁעְיָ' הֶערְץ פוּן טוּרְקָא.

פָארֶענְדִיג אַזוֹי אוּן אַזַא גְרוֹיסֶער מְכוּבָּדִיגֶער וָואגְן מִיט פִיר פֶערְד, הָאט עֶר דֶערְזֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר" זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֵייט צוּפִיס, הָאט עֶר אִים אַרוֹיפְגֶערוּפְן צוּם וָואגְן עֶר זָאל מִיט אִים מִיטְפָארְן. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט "וואוּ פָארְט אִיר?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט דֶער נָגִיד דֶער וֵויין סוֹחֵר גֶעזָאגְט אַז עֶר פָארְט אוֹיכֶעט צוּם חוֹזֶה.

אוֹיפְן וֶועג פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר" דֶעם נָגִיד דֶעם וֵויין סוֹחֵר "אֶפְשָׁר הָאט אִיר אַ טָאכְטֶער?", עֶנְטְפֶערְט דֶער וֵויין סוֹחֵר, "יָא, אִיךְ הָאבּ אַ יוּנְגֶער טָאכְטֶער וָואס אִיז אַלְט עֶלֶעף יָאר, זִי הֵייסְט רָאכִיל מִינְיָא", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער "בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר", "אוּן אִיךְ הָאבּ אַ גָאר גֶערָאטֶענֶעם זוּן וָואס עֶר אִיז אַלְט צֶען יָאר, ווִילְט אִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט מִיר?" הָאט דֶער נָגִיד דֶער וֵויין סוֹחֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מִיר פָארְן דָאךְ יֶעצְט צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיר וֶועלְן אִים פְרֶעגְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ בִּין אִיךְ אוֹיךְ מַסְכִּים".



ציון הבני יששכר זי"ע און זיין זון רבי דוד מדינוב זי"ע אין שטאט דינוב

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין, אוּן זֵיי קוּמֶען בֵּיידֶע אַרַיין אִין צִימֶער וִוי דָארְטְן אִיז גֶעזֶעצְן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר זָאגְט "מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב! עֶס זָאל זַיין בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת". הָאבְּן זֵיי שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען בֵּיידֶע אַז דָאס אִיז אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן.

וֶוען דָאס מֵיידְל אִיז אַלְט גֶעוָוארְן דְרֵייצְן יָאר אוּן דֶער זוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר" אִיז אַלְט גֶעוָוארְן צְוֶועלְף יָאר הָאבְּן זֵיי חֲתוּנָה גֶעהַאט.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ יָאר נָאר מִיט אַ טַלִית אָן תְּפִילִין, וַוייל עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּר מִצְוָה.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִויאַזוֹי אַמָאל הָאט מֶען אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי קְדוּשָּׁה אוּן דִי טְהַרָה פוּן דִי קִינְדֶער.

(אשר בנחל חלק ב' מכתב רלג)



# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פארזעצונג |



## - ל"ד -

**פארזעצונג פון פריער:** בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט. נָאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ"ל, דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן, הָאט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקֵייט, אוּן עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פוּן צַייט צוּ צַייט.

דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעפִירְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁוֶוער, רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ"ל, הָאט גֶעהַאט יָארְצַייט נָאךְ זַיין טַאטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם דָארְף אַלֶכְּסַנְדֶערִיְווקֶע, וָואס אִיז נֶעבְן אוֹסְיַאטִין, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אַהִין.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָארְט אִין שׁוּל, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט דָארְט הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן עֶר אִיז זֵיי זֵייעֶר גֶעפָאלְן, הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ אַרַיינְלָאזְן אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיטְ'ן פָּנִים צוּם וַואנְט אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם.

***



נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט רֶבִּי אֶפְרַיִם גֶעגֶעבְּן בְּרוֹינְפְן פַאר תִּיקוּן לְעִילוּי נִשְׁמַת, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַ יָארְצַייט, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם עֶר זָאל הֵייסְן זַיין אֵיידֶעם לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ מִשְׁנַיוֹת צוּ לֶערְנֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן שְׁטֶענְדֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר לַאנְג.

דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן אַ לְחַיִּים מִיט אִים, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאפְנְטְלִיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים. וֶוען זֵיי הָאבְּן אָבֶּער גֶעזֶען אַז סְ'נֶעמְט שׁוֹין צוּ לַאנְג, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן רֶבִּי אֶפְרַיִם עֶר זָאל זָאגְן פַארְ'ן אֵיידֶעם עֶר זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען.

רֶבִּי אֶפְרַיִם הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין הַאנְט אִיבֶּער זַיין שְׁוֶוער'ס פָּנִים, אוּן רֶבִּי אֶפְרַיִם אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן חַלָשׁוּת. מֶען הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען אִים דֶערְמִינְטֶערְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין הַאנְט אוֹיף זַיין פָּנִים, הָאט עֶר גֶעזֶען זַיין טַאטֶע, דֶער נִפְטָר נָאךְ וֶועמֶען עֶר הָאט יָארְצַייט הַיינְט, שְׁטֵייט פַאר אִים, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעזָאגְט, "אַזַא אֵיידֶעם וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט, אוּן דוּ הֵייסְט אִים נָאךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת?!", אוּן פוּן גְרוֹיס פַּחַד, זֶעעֶנְדִיג דֶעם נִפְטָר פַאר זִיךְ, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקַאנְט צוּ וֶוערְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקֵי הַדוֹר, אוּן פִילֶע אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן צוּ אִים, אוּן זֶענֶען דֶערְנֶענְטֶערְט גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ אִים.

צְוִוישְׁן דִי עֶרְשְׁטֶע מְקוּרָבִים פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יְקוּתִיאֵל לַאנְדָא זַ"ל, דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִיד. דֶער מַגִיד הָאט גֶעהַאט אַ פָּאסְטְן פוּן מַגִידוּת אוֹיף פִינְף אוּן אַכְצִיג שְׁטֶעט, צַדִיקִים פְלֶעגְן אִים רוּפְן "דֶער גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער", וַוייל זַיין שְׁטָאט טִירְהָאוִויץ אִיז גֶעוֶוען בַּיים גְרֶענִיץ צְוִוישְׁן דֶער גֶעגְנְט פוּן חֶערְסוֹן אוּן קִיוּב, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְ'ן גְרֶענִיץ, עֶר לָאזְט נִישְׁט צוּ אַז דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן חֶערְסוֹן זָאל זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן קֵיין קִיוּב.

זַיין סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן זָאגְן דְרָשׁוֹת אִין אַלֶע זַיינֶע שְׁטֶעט, אוּן עֶר פְלֶעגְט אָנְקוּמֶען אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּ יֶעדְן שְׁטָאט אָדֶער דָארְף. אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז וֶוען דֶער מַגִיד הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ קוּמֶען צוּ אַ שְׁטָאט זָאגְן אַ דְרָשָׁה, פְלֶעגְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת, מְ'הָאט פַארְשְׁלָאסְן אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן מְ'פְלֶעגְט אַרוֹיסְגֵיין אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט גְרוֹיס פְרֵייד. דִי אָרְטִיגֶע שׁוֹחֲטִים פְלֶעגְן אִים וַוייזְן זֵייעֶרֶע מֶעסֶערְס, אוּן דִי רַבָּנִים הָאט זִיךְ דוּרְכְגֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. וַוייל יֶעדֶער הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט בַּאוַוייזְן גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# שבועות אין שטעטל

## (חלק ב')



ישראל דוד העסקעל

מיין קאפ גראגערט ענדליך אראפ פון דעם עראפלאן נאך א האלבע שעה ווארטן אין קענעדי עירפארט צו קענען צופארן צום טורמינאל, מיר שלעפן זיך מיט אונזערע הענד לאגגעדש מיט צוויי מידע קינדער און איך האף אז דאס איז עס - מיר קומען אן צום גרעניץ און נאכדעם גיי איך גראד צום קאר רענטל אויפפיקן מיין קאר אפילו נאכן ווארטן אביסל אינעם עראפלאן קוקט אויס אויפן חשבון אז זעקס דרייסיג גיי איך שוין קענען זיין אין בארא פארק - יא איך וועל נאך רואיג קענען זיין ביים ליל שישי שיעור פון דער ראש ישיבה.

ביז..... ביז איך קום אן צום גרעניץ און איך טרעף זיך מיט די גרעסטע ליין וואס איך האב נאר אמאל געזען אין מיין לעבן.... הונדערטער מענטשן בלי גוזמא... זעט זיך אויס אז אפאר עראפלאנען זענען אנגעקומען צוזאמען און די צאל מענטשן האט אויסגעקוקט כיוצא מצרים.

איך האב פארשטייט זיך פראבירט זיך איינצובעהטן צו דער אפיציר וואס האט קעיר געגומען דארט. איך האב צוויי קליינע קינדער אפשר דאך קענען מיר אפשר פליז.... ניין! אנטשולדיגט, אונז האבן נישט קיין פעמעלי ליין איר דארפט זיך שטעלן ווארטן דעם לאנגן שורה.. שוין בלית ברירה האבן מיר זיך געשטעלט ווארטן און ווארטן און ווארטן...




ס'האט גענומען בערך א שעה ביז מיר האמיר זיך ענדליך דערזען אריבער די גרעניץ, די גאנצע צייט בעט איך דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף מיינע רענצלעך זאלן אנקומען גאנץ, און ביי די קאר רענטל זאל אלעס גיין געשמירט, הייליגע באשעפער איך בעט דיך העלף מיר אז איך זאל קענען זיין ביי די ליל שישי שיעור פון דער ראש ישיבה". ס'האט שוין געהאלטן ביי נאך א שעה שפעטער, איך טראכט צו זיך נישט געפערלעך איך וועל זיין אין בארא פארק זיבן דרייסיג האפנטליך, קוקט נאך אויס ווי איך גיי עס רואיגערהייט קענען מאכן...

שכח אייבערשטער אונזערע רענצלעך זענען אלע אנגעקומען גאנץ, א מחי' שכוח אייבערשטער!!! יעצט יאג מיר זיך צום קאר רענטל, קודם דארף מען נעמען די עיר טרעין ביז פעדרל סירקל און נאכדעם זעמיר דארט...

נאך בערך צוואנציג מינוט זעמיר אנגעקומען צום רענטל און - - - א ליין ביז טיר! איך האלט זיך אין איין איבער חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל אלעס איז דער אייבערשטער, ווער נישט נערוועז ס'גייט סיי ווי נישט העלפן, האלט דיך אין די ראמען, בלייב רואיג און געדענק וואס דו הערסט אלץ ביי די שיעורים פון דער ראש ישיבה, דער אייבערשטער פירט דער וועלט אלעס איז דער אייבערשטער!

נאכן ווארטן א גוטע פינף און צוואנציג מינוט איז ענדליך אנגעקומען מיין רייע צו גיין צום טישל חתמ'ען אלע פאפירן, זיי סקענען מיין לייסענס אלעס איז כשר, יעצט זאגן זיי מיר אריינצולייגן מיין קרעדיט קארטל אינעם מאשין, איך לייג עס אריין און איך שעפעשע א הייסע תפילה "אייבערשטער העלף אלעס פארן כשורה אלעס זאל דורכגיין", און איך ווארט...

נאכן שטיין און ווארטן ביים מאשין אזוי דריי פיר מינוט געב איך זיי א זאג אז ס'קומט גארנישט ארויף. איז אלעס מסודר?

זאגן זיי מיר יא מיר ווארטן נאר צו הערן אז ס'איז דא א קאר פאר דיר. נאר נאכדעם גייט עס רעכענען פונעם קארטל. אודך ווארטן. שוין טראכט איך צו מיר זעט אויס אז ס'קומט א פעסטע שיינע קאר נאר ס'דארף נאך אפאר תפילות. אזוי שטיי איך דארט און איך מאך מיט די ליפן איך בעט זיך ביים אייבערשטן אז איך זאל נאך קענען זיין ביים שיעור...

נאך א זיבן אכט מינוט געבט זיך די קארד מאשין א וועק אויף, יא ס'דא א קאר פאר דיך! איך סווייפ דעם קארטל איך חתמ'ע אלע טויזנט צעטלעך אפילו איך האב נישט קיין בלאס'ן אנונג וואס ס'שטייט דארט... אלעס איז אריבער בשלום דער קלערק זאגט מיר שטיי דא אינדרויסן ביים טיר מ'גייט דיר ברענגען דיין קאר - א גרויע שעווי טאַהאָ!

שכוח אייבערשטער פאר דעם שיינעם קאר... איך גיי ארויס און------ איך ווארט... און ווארט... נאך צען מינוט גיי איך פרעגן איינע פון די חברה דארט אפשר ווייסט איר ווען מ'גייט ברענגען דעם גרויע שעווי טאַהאָ? זאגט מיר דער ארבייטער יא! דארפסט ווארטן נאך צען פופצן מינוט, זיי וואשן עס נאר און גרייטן עס אן.

מיינע תפילות האבן אנגעהויבן ווערן מער אינטענס... איך האב אזוי גע'חלש'ט צו קענען אריינכאפן דעם שיעור באשעפער העלף מיך!!!!!

נאך א גוטע פינף און צוואנציג מינוט ווארטן ברענגען זיי ענדליך מיין קאר, איך פאק אריין אלע רענצלעך און טאשקעס, מיר זעצן זיך אריין אין די קאר, איך שטעל אן דעם דשי פי עס און ויסעו... איך מיין אז כ'האב נאך אין מיין לעבן נישט געדרייווט אזא גרויסן וויהעקל. איך האב זיך געוואונדערט פארן שרעק די ערשטע פאר מינוט... אבער שכח אייבערשטער מיר זענען שוין אויפן בעלט פארקוועי!

מיט א האלבע אויג געב איך א קוק ווען די דשי פי עס זאגט אז מ'גייט זיין אין בארא פארק 8:10 איך דארף נאך ארויפשלעפן אלע פעק און זעק דריי שטאק, אויספאקן, מסדר זיין און לייגן די קינדער שלאפן און דאווענען מנחה, וואס גייט דא זיין? באשעפער איך דארף א נס איך פארלאז זיך נאר אויף דיר איך געב זיך איינגאנצן איבער אין דיינע הענט איך בעט דיר באשעפער העלף מיך!!!!

אין א מזל'דיגע שעה זענען מיר אנגעקומען צו מיין טאטעס הויז אויפן פינף און פערציג'סטע גאס אין בארא פארק ארויפגעשלעפט אלע פעק און זעק מיט די קינדער, געזאגט אלע שלום עליכם'ס, די קינדער האבן שוין פידשאמעס, זיי שלאפן שוין, מיין ווייב זאגט מיר זי פאלט פון די כוחות זי גייט זיך לייגן שלאפן. ס'שוין פינף פון צוואנציג נאך אכט איך פלי





דאוועגען מנחה מיט די אכט דרייסיג מנין אין טאהש'ער שול אויף פערצן, און ברוך השם איך זיץ שוין אין קאר אויפן וועג קיין וויליאמסבורג!

שכח אייבערשטער שכח אייבערשטער שכח אייבערשטער! די דשי פי עס זאגט אז איך גיי אנקומען פערטל נאך ניין, פופצן מינוט שפעט, נישט געפערלעך אבי איך זאל נאך עפעס קענען אריינכאפן... איך בעט זיך ביים באשעפער אז איך זאל קענען טרעפן א פארקינג גלייך נעבן די ישיבה, כדי איך זאל נישט דארפן פארלירן א איבריגע סעקונדע פון די שיעור...

איך דריי זיך שוין אריין אין די סקילמאן גאס איך האלט שוין כמעט ביי די ישיבה, דערווייל איז נישט דא קיין ליידיגע לאך פאר א פארקינג, איך בעט שנעל נאכאמאל א הייסע תפילה "אייבערשטער ס'שוין פערטל נאך ניין איך וויל קענען עפעס אריינכאפן פון די שיעור". אזוי ווי איך ענדיג בעטן פארט ארויס א קאר ממש פארנט פון מיר - שכח אייבערשטער!!! איך פארק מיין קאר און מיט די אטעם אין די האנט לויף איך אריין אין ישיבה...



איך קום אריין אין ישיבה איך זעץ זיך אוועק אויף די ערשטע ליידיגע זיץ וואס איך האב געטראפן, שנעל דאנק איך דעם אייבערשטן אויף דעם נס אז איך האב זוכה געווען נאך אלע מניעות צו קענען אריינכאפן צו זיין ביים שיעור, אשרינו!

איך האב קוים געלאנדט, איך ווייס נאכנישט אויף וועלכע וועלט איך בין, איך וויל זיך כאפן מיין אטעם, איך זיץ שוין... און דער ישיבה הייבט זיך אן בעטן ביי מיר מיט א טרערן געשטיקטע שטימע מיט א ווייטאג פון ליבשאפט "איך בעט זיך ביי דיר, טוה עס פאר דיר אז דו זאלסט האבן א גוט לעבן! אז דו זאלסט האבן שלום בית! אז דו זאלסט וועלן קוקן אויף דיין ווייב! איך בעט דיך נעם נישט אריין קיין שום כלים וואס מ'קען אויף דעם האבן אינטערנעט און קוקן זאכן ביי דיר אינדערהיים! אפילו מיט די בעסטע פילטער!!!"

מ'האט געקענט טאפן די לופט! יעדער איז געווען שאקירט, דער ראש ישיבה טוט עס אזוי ווי', ער קען מער נישט רעדן ער שפירט ווי ער גייט אויספלאצן אין א געוויין, דער ישיבה שטעלט אפ די שיעור נאך זעקס און צוואנציג מינוט "דאס איז די שיעור"!

די ערשטע פאר סעקונדעס האב איך געטראכט באשעפער פונקט די וואך? פונקט ווען איך קום און איך בין נאך געווען פופצן מינוט שפעט... פונקט די וואך אזא קורצע און ציפעדיגע שיעור? אזא שלימזל בין איך?

אבער איך געב זיך שנעל א כאפ, פארוואס בין איך דא בכלל? פארוואס בין איך מקורב געווארן צו היכל הקודש? ווייל דא איז דא א ראש ישיבה וואס מאנט פון מיר וואס וויל אז איך זאל האבן א גוטע לעבן! וואס געבט מיך עצות ווי אזוי צו קענען זיין אן ערליכע איד.

איך טראכט צו מיר איך וואלט יעצט געקענט קומען און זיצן ביי א שיעור א שעה און א האלב א שיינע געשמאקע שיעור, און דער ראש ישיבה וואלט ווען געקענט רעדן פון דרך הלימוד אדער פון רעדן שיין צו די ווייב און איך וואלט גענומען חיזוק פון דעם, אבער ס'וואלט נישט איבערגעדרייט מיין לעבן... ס'וואלט געווען נאך א שיעור, כ'וואלט נישט מיטגענומען עפעס ספעציעל וואס איך האב נישט געהאט פאר איך בין געקומען צו דעם שיעור.

אבער דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר און מיך געגעבן א שיעור וואס געבט א ציפ... וואס וועקט אויף פון שלאף וואס פארלאנגט פון מיר וועק דיך אויף!!! פארוואס ביזטו דא?! א שיעור וואס גייט טוישן מיין לעבן לעובדא ולמעשה, א מחי'. נאר פארדעם האט זיך געלוינט מיין גאנצע נסיעה!!!

נאכן שיעור האט מען געדאווענט מעריב און טעליכע מענטשן זענען צוגעקומען מיך געבן שלום עליכם ווי אזוי הייסט א איד?

ישראלי' העסקעל!




דו ביזט דער שרייבער אינעם בלעטל?
איך האב זיך אלץ געוואונדערט ווי אזוי קוקט אויס ישראלי העסקעל... דו ביזט עס... איך מוז דיך זאגן דו שרייבסט זייער שיין... איך האב זייער ליב צו ליינען דיינע ארטיקלען...

סאָו דער שמועס למשל גייסטו באשרייבן? הע הע וואס גייסטו שרייבן?.....

אזוי איז א גרויסע עולם צוגעקומען געבן קאמפלימענטן קאמענטארן, איינער האט דווקא געוואלט שמועסן מיט מיר וואס מער, לאמיר זען אפשר קען מען אויסקוועטשן א שמועס און ס'גייט ווערן אן ארטיקל... א צווייטער איז אנטלאפן ווי נאר ער האט געהערט אז איך שרייב אינעם בלעטל... איך וויל נישט ווערן דיין נעקסטע ארטיקל... אזוי איז געווען זייער אן אומגערישטער אינטערעסאנטע מציאות, דער וואס איז דעמאלט געשטאנען נעבן מיר און לייענט יעצט די שורות כאפט לכאורה א פיינע לאַך...

בקיצור איך וועל נישט צופיל מאריך זיין וועגן דעם, אבער דער עולם האט מיך זייער ווארעם אויפגענומען אז איך האב נישט די ווערטער אויף דעם צו באשרייבן, פשוט תלמידי היכל הקודש האבן זיך אויפגעפירט ווי תלמידי היכל הקודש... דער עולם איז געווען ווארעם און פרייליך, איך האב פלעין נישט געוואלט אוועקגיין.

פרייטאג האב איך געהאט צוויי ענליכע אינטערעסאנטע באגעגונגען וואס איך האב שוין עטליכע מאל געוואלט שרייבן וועגן דעם ווייל איך האב עס כסדר... ס'טוט אזוי ווי צו זען ווי אזוי א מענטש איז מיואש נעבעך און ער כאפט אפילו נישט...

איך בין געגאנגען צופרי' נאכן דאווענען אין א געשעפט קויפן פרישטאג און איך טרעף דארט מיינס א באקאנטער איך געב אים א שיינע שלום עליכם וואס מאכט איר... ברוך השם... וואו ביזטו שבועות? אין קרית ברסלב אין ליבערטי! זייער שיין... אויב האבן זיי דארט אסאך תורה שיק אריבער אביסל - האט ער פראבירט צו מאכן א דשאוק.... זאג איך אים ברידער מיינע ס'דא דארט אסאך תורה זייער זייער זייער אסאך תורה אבער דאס קען מען נישט שיקן... פארדעם דארף מען אהינקומען און הערן די דרשות...

שפעטער בין איך געזיצן ביי מיין טאטע אינדערהיים פרייטאג נאכמיטאג און א באקאנטער איז ארויפגעקומען ער זעט מיך מיט מיין משניות און זאגט מיר "האמיך אינזין יצחק בן שרה"...

ר' איד דא איז די ספרים שאפע דא איז דא נאך א משניות איר קענט זיך אליין אינזין האבן!!!

די האר פון קאפ קען זיך צומאל אויפשטעלן ווען מ'זעט אידן נישט סתם אידן נאר מסלתה ומשמנה באמת ערליכע אידן אבער פשוט כפשוטו מיואש פון די תורה הקדושה השם ישמרנו.

כסדר האב איך עס, איינער זעט מיר מיט א משניות מיט א גמרא - אה שיין דו לערנסט הא?! זייט דו דרייסט זיך אין היכל הקודש... אבער ענק זאגן, ניין?! ס'הייסט געלערנט?! עניוועי האמיך אינזין!...

האמיך אינזין? האב דיך אליינס אינזין! דא האט איר א קארטל הערט אויס די שיעורים נעמט חיזוק און הייבט אויך אן צו לערנען און דאווענען און רעדן שיין אין שטוב...

און נאכדעם קומט די תירוץ מעעעהה ס'נישט פאר מיר געמאכט... דו מילא איך קען דיר... פאר דיר איז עס ממש פערפעקט... אבער איך?! נעע איך באלאנג דארט און דארט, איך האב מיין פלאץ איך בין מסודר... אבער האמיך אינזין ווען דו לערנסט ווייל איך געדענק נישט דאס





לעצטע מאל איך האב געעפנט א ספר...

בקיצור מיר מאכן פיינע הכנות צום שבת קודש ס'ליגט נאך דעם גוטן טעם אין מויל פון דאס לעצטע מאל איך האב זוכה געווען צו קענען מיטהאלטן תפילות אין די בארא פארקער שול איך קען שוין קוים ווארטן נאכאמאל צו קענען זיין דארט...

דאס זייגער טוט זיך זיינער און איך שפאציר אראפ די בארא פארקער גאסן אויפן וועג אין שול אריין! די שמחה איז גרויס אט קום איך שוין אן. אזוי ווי איך קום אריין און שול האב איך גראד אנגעהויבן שפירן אזוי נאטירלעך באקוועם איך האב ממש געשפירט בלי גוזמא ווי כאילו איך דאווען דארט יעדער וואך!



ס'געווען זייער ווארימע תפילות, דער עולם איז געווען אין זייער א לעבעדיגע געשמאקע גוסטע, אזויווי אייביג... נאכן דאווענען איז געווען בא'טעמ'טע שיחות חברים, איך טראכט אז ווען נישט דער ראש ישיבה זאל עס טויזענט מאל אריינקנאקן אין אונז אז נאכן דאווענען פארברענגט מען נישט נאר מ'גייט אהיים צו די ווייב... וואלטן מיר לכאורה אפגעזיצן דארט א גאנצע נאכט שמועסן!

שבת צופרי איז געווען הערליך שיינע געשמאקע תפילות, די גבאים האבן מיר געגעבן אן עלי' ביים ליינען אבער איך האב זיך ממש געשפירט אזוי היימיש אינדערהיים אז איך האב פארגעסן צו בענטשן גומל! כ'האב פשוט נישט געכאפט אז כ'בין א גאסט... ערשט ביי מנחה האב איך זיך געכאפט און איך האב דעמאלט געבענטשט גומל...

שלש סעודת איז געווען זייער שיין און דערהויבן אלע ארום דעם טיש מיט ריזיגע שמייכלען אויפן פנים אלע אויפגעלייגט און פרייליך (כמנהג היכל הקודש...) מ'האט גערעדט דארט שיינע דיבורי התחזקות געגעבן צו עסן אביסל פאר די נשמה...

זונטאג ראש חודש האב איך געהאט די זכי' צו קענען דאווענען מיט דער ראש ישיבה שחרית אין ישיבה שכח אייבערשטער! ביי הלל זענען אריינגעקומען א כתה פון די חדר צו זאגן הלל מיט דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט געמאכט זייער לעבעדיג און פרייליך פאר די קינדער, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אז אויב ווילן מיר די קינדער זאלן ליב האבן אידישקייט זיי זאלן ליב האבן די וועג פון די עלטערן און נישט וועלן גיין זוכן אנדערע גליקן חלילה מוז עס זיין פרייליך און געשמאק!

כ'האב זוכה געווען צו קענען זיין דינסטאג ביי דער ראש ישיבה מיט מיין משפחה, און מיטוואך נאכט ביי די שיעור הכנה פאר שבועות - ווי דער ראש ישיבה האט אונז שטארק מחזק געווען צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן אזוי אז ס'זאל נישט דורכגיין קיין טאג אן לימוד התורה! אויך האט דער ראש ישיבה אונז גאר שטארק מחזק געווען צו רעדן שיין אין שטוב און מכבד זיין די ווייב.

נאכן שיעור האב איך נאכאמאל זוכה געווען צו קענען אביסל פארברענגען מיט אנשי שלומינו שיחות חברים, זיך גוט אנצונאשן מיט חיזוק און מיט גוטע עצות אויפן לעבן. איך קען נאך שרייבן וועגן דעם בלעטער אויף בלעטער גאנצע קונטרסים און ביכער אבער איך וויל נישט אויפהאלטן דעם עולם.

תמצית הדברים - ס'קען זיין אז איר לייענער פון די שורות זענט שוין צוגעוואוינט צו אנשי שלומינו צו די שפראך די התנהגות די פרייליכע שמייכל'דיגע מענטשן, אבער פאר מיר איז עס פריש יעדעס מאל איך קען זיך דרייען צווישן אנשי שלומינו א פרישע חידוש און א מתנה!

**המשך יבוא בעזרת השם יתברך**

ברסלב שטיצע ברסלב

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

גרעסערע דירה – 845-637-5367

## Catskills expediting

For all your property submittals, approvals, permits, assistance, legal and practical, Is the New York Catskills. Feel free to contact the professional Catskills Expediting team

**917-379-5063**

catskillsexpediting@gmail.com

Relax! We do the max









# קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## פרשת נשא

## מידות אפטיילונג

**דער רבי שרייבט אין ספר המידות: שמעקן בשמים פרייטאג צונאכטס איז א סגולה פאר**

**א. פרנסה בשפע**
**ב. הייליגע אויגן**
**ג. ערליכע קינדער**
**ד. גלייבן אינעם אייבערשטן**

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

**דער רבי זאגט: מ'דארף נישט ביים לערנען נאר זאגן די ווערטער, און צום סוף וועט מען שוין ממילא פארשטיין.**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**הינדא ריקל שניטצלער תחי' - קרית יואל**
**שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161**

## טרעף די ווערטער

**מוהרא"ש שרייבט אין זיין צוואה: "יעדע בחור און יעדע מיידל וואס וועלן קומען קיין יבנאל און אויסזאגן תהלים ביי מיין ציון, זאג איך צו אז איך וועל נישט רוען ביז איך וועל טרעפן זייער שידוך".**

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ק | כ | ז | ת | ו | ח | ט | מ | ד | ו | ע |
| ח | ק | א | י | כ | ק | ו | ר | י | ע | ד | ע |
| ה | ב | ז | י | י | ג | נ | ע | ד | ח | ס | צ |
| ק | א | ג | נ | א | ס | ד | פ | ל | ש | ש | ס |
| צ | ק | ו | ז | י | ל | י | נ | ע | נ | ת | ש |
| ו | ו | פ | ו | א | י | ע | ד | ע | נ | ק | ש |
| ר | פ | ש | נ | צ | ר | ק | ש | ה | מ | פ | ע |
| ח | א | ב | י | ע | ל | א | ס | ר | ק | ו | ו |
| ת | י | ז | י | ד | ר | א | ו | ג | ו | צ | ק |
| ש | ס | י | י | ה | ו | י | י | נ | נ | ע | ד |
| ר | ז | י | ו | ו | ש | כ | כ | נ | ז | י | נ |
| י | מ | מ | נ | י | ש | ט | א | ז | ט | ו | ת |
| י | ע | א | ס | ה | א | מ | י | י | נ | ו | ה |
| ב | ח | ו | ר | ה | י | ב | כ | ו | ו | ע | ל |
| ט | י | נ | ג | א | ז | ס | י | ו | א | ל | י |
| מ | ק | י | ד | פ | ז | צ | ו | ש | צ | נ | מ |

## טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## לאמיר שפילן סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 | 1 | | | | |
| | | 6 | | | |
| 3 | | | 4 | 2 | |
| | | | | 6 | |
| | 4 | | 1 | | |
| | | | | | 5 |

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?




### ענטפער פון פאריגע וואך

**מוהרא"ש שרייבט אין זיין צוואה: "יעדע בחור און יעדע מיידל וואס וועלן קומען קיין יבנאל און אויסזאגן תהלים ביי מיין ציון, זאג איך צו אז איך וועל נישט רוען ביז איך וועל טרעפן זייער שידוך".**

טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





דער ראש ישיבה אויף א באזוך אין שטעטל חדר
ערשטע יאר פון שטעטל -

*יום טוב שבועות תשפ"ג*

## פון רעכטס צו לינקס

3. נאר מיט _____ _____ איז דא א מעגליכקייט צו האבן א ריינע מח
4. ערליכע _____, דאס איז עשירות
7. אלעס איז דער _____, נישטא קיין שום זאך וואס פאסירט אליינס
8. _____ און תודה והודאה איז שטערקער פון אלצדינג, מען זעט ניסים
10. די קאפיטלעך תהלים וועט אייך ברענגען אלע _____
11. מאכלי שבת איז זייער _____
12. מיט שמחה וועט זיך עפענען די _____ און איר וועט זען ניסים
13. רעד צו דיין _____ אזוי ווי מען רעדט צום חשוב'סטן מענטש
14. אז דו ווילסט תשובה טון, זאלסטו די ערשטע זאך אפלאזן די _____
17. א _____ האט נישט מיט קיינעם, נאר מיט'ן אייבערשטן
19. דראפע זיך און _____ זיך

## פון אויבן אראפ

1. נישטא קיין בעסערע _____ פאר קינדער ווי בעטן און דאנקען
2. אז מען הערט _____, קען מען נישט מקבל זיין די זיסע גוטע עצות
3. ליצנות איז זייער ביטער, זייער _____
5. פארלייג זיך אויף איין זאך, פארלייג זיך אויף _____
6. דעם רבינ'ס _____ גייט מיט אלע ערליכע קהלות בישראל
9. עס איז א מצוה צו זיין שטענדיג _____
15. נעם די עצות וואס דו הערסט ביי די שיעורים, און _____ עס
16. ווי גוט און ווי זיס איז ווען מען קומט נישט _____ גארנישט
18. ווען מען איז פרייליך, איז אלעס _____



# קליין און שיין



חני און אליעזר שלמה אפפעל - קרית ברסלב
א חתן און כלה



יוסי אינדיג - וויליאמסבורג



משפחת שטראססער - קרית ברסלב
געמאכט בארג סיני פון זאמד



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# מעשׂות פון תפלה
# פאַר קינדער

העני בלום תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:




געמאלן דורך: עטי בלום







שיינדי אינדיג תחי׳ - וויליאמסבורג פארציילט:









# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



דער ראש ישיבה לערנט מיט די בחורים אינטערן
בוים, די ערשטע יאר זומער אין קעמפ - שנת תשס"ט

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**

# נחום
# פליעט
# ביזנעס



און איך...

# יענקל
# האט געקויפט
# א 14 פעמעלי
# הויז אין
# ניו זשערסי



און איך...



# בילדער
## אפטיילונג



קרעדיט: אהרן גאלדשטיין

תלמוד תורה היכל הקודש טברי' אין פארם




קרעדיט: אהרן גאלדשטיין

מען זעהט די שטאט יבנאל פון תלמוד תורה היכל הקודש טברי'



קרעדיט: אהרן פיש



קרעדיט: שלמה בערקאוויטש

דער ראש ישיבה באזוכט ביים נייעם בית המדרש אין אילן החיים קאנטרי - ערב שבועות




הערליכע טאוועל וואס גייט ווערן ארויסגעלייגט ביים טויער פון אילן החיים קאנטרי



קרעדיט: יצחק ראטה

הערליכע סיום מסכת סוטה אין בית שמש - ד' במדבר



קרעדיט: נתי לב

בית המדרש היכל הקודש בני ברק צוגעגרייט צום יום טוב שבועות



קרעדיט: יוסי פרערויא

בית המדרש היכל הקודש ירושלים צוגעגרייט צום יום טוב שבועות



קרעדיט: שלמה האממער

לחיים פון החתן שלמה שווארץ נרו יאיר עב"ג אדמו"ר אלכסנדר קליוולאנד שליט"א - זונטאג נשא א'



קרעדיט: משה יחיאל פעלדמאן



קרעדיט: משה יחיאל פעלדמאן

דומ"ץ קרית ברסלב שליט"א באזוכט ביי ברעדבערי אין בארא פארק, בשעת'ן כשר'ן די קאך וואס גייט פארקויפן עסן ביים נייעם לעמאנעיד גראסערי אין שטעטל



קרעדיט: משה יחיאל פעלדמאן



קרעדיט: משה יחיאל פעלדמאן

דער ראש ישיבה באזוכט ביים נייעם לעמאנעיד גראסערי אין שטעטל - ערב שבועות



קרעדיט: דוד לאקס

מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו ביים אנגרייטן די בלומען אין היכל הקודש ליבערטי





קרעדיט: יוחנן שור



קרעדיט: יוחנן שור



פרייליכע טענץ מוצאי יום טוב אין שטעטל





קרעדיט: שמעון אביש



קרעדיט: שמעון אביש

פרישע אקטיוויטעטן ביים נייעם בית המדרש אין מקוה אויף בארדיטשוב גאס אין שטעטל



קרעדיט: שמעון אביש



קרעדיט: שמעון אביש



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

# mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

347-742-7778
mintcollision@gmail.com